## עונג יום טוב

**א גוט געבענטשט יאר אלע אידן.** אין ראש השנה לייענט מען די "עקידה." איינע פון די ענינים פון דער "עקידה" איז צו מבטל זיין די אייגענע רצונות פארן אייבערשטען. אברהם אבינו ע"ה האט ליב געהאט זיין זון יצחק, אבער ער איז געווען גרייט אים מקריב צו זיין ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן. וועגן דעם לייענט מען ר"ה די עקידה, ווייל דאס איז די עיקר פון אידישקייט, מבטל צו זיין די אייגענע רצונות פאר השי"ת.

הרה"ג ר' חיים ברים זצ"ל האט אמאל גערעדט וועגן דעם ענין. ר' חיים זצ"ל האט נאכגעזאגט פון דער משנה ברורה די טעם פארוואס מען דארף אנפאנגען צו זאגן סליחות כאטש פיר טעג בעפאר ר"ה. זאגט דער משנה ברורה אין דעם נאמען פונעם אלי' רבה, אז א קרבן האט געדארפט פיר טעג פון נאכקוקן צו מאכן זיכער אז דער קרבן איז נישט געווען קיין בעל מום. די זעלבע זאך איז ביי א איד, וואס דארף זיך מקריב זיין פארן באשעפער. דאס איז מרומז אין די תורה, אזוי ווי ביי אלע קרבנות אין פרשת פנחס שטייט "הקרבתם עולה," אבער לגבי ראש השנה שטייט "עשיתם עולה," דאס קומט אונז צו לערנען אז "בראש השנה יעשה אדם עצמו כאלו מקריב עולה." וועגן דעם האט מען קובע געווען כאטש פיר טעג כדי זיך קענען צוגרייטן פארן יום הדין דורך טון תשובה. (א"ח סימן תקפ"א, במ"ב ו') עד כאן לשון קדשו. איז לאמיר יעצט דערציילן א מורא'דיגע מעשה וואס ווייזט ווי צוויי אידן האבן מוסר נפש געווען פארן רבונו של עולם.

יעקב שאפלינסקי (נישט זיין עכטע נאמען) וואס וואוינט אין מאנסי, איז אמאל געווען ביים רבי'ן שליט"א'ס "ביזת הים" טיש מיט איינעם פון זיינע חתונה געהאטע קינדער. שביעי של פסח איז א מסוגלדיגע צייט צו דאווענען פאר גוטע פרנסה. אזוי ווי עס איז באוואוסט, איז די מנהג ביי חסידים צו נעמען פון זייערע רבי'ן א שטיקל מצה אין שביעי של פסח. (עיין בליקוט הנפלא "מעגל השנה" תשס"ח, דף רלא). עס זענען דא חסידות'ען וואו אלע חסידים ווארטן אין א שורה מסודרדיקערהייט אזוי ווי חדר יונגלעך צו נעמען א שטיקל מצה. אבער מנהג רבוה"ק איז דווקא צו שטופן, כדי יוצא צו זיין אפשר דעם פסוק "בזעת אפיך תאכל לחם עד שובך אל האדמה" – א מענטש דארף שוויצן צו נעמען זיין שטיקל מצה, (ביז ער פאלט אראפ פונעם טיש צום ערד, ד"ה "עד שובך אל האדמה!") בקיצור, לאמיר צוריק גיין צום "פוינט" פונעם מעשה.

יעקב'ס זון בערל (נישט זיין עכטע נאמען), האט זיך אריינגעשטופט ביז סוף כל סוף ער האט באקומען זיין שטיקל מצה פונעם רבי'ן שליט"א ביין "ביזת הים" טיש. ליידער האט אבער בערל געשעדיגט זיין פוס נאך אלע שטופן ווען די טיש האט זיך געשפאלטן ממש אזוי קריעת ים סוף. הצלה האט מחליט געווען אז מען מוז אריינפירן בערל אין שפיטאל, ווייל עס האט אויסגעקוקט ווי בערל האט ליידער צובראכן זיין פוס. זיין טאטע יעקב האט אים באגלייט צום שפיטאל. זיי האבן צוזאמענגענומען וואס זיי האבן געקענט מיטנעמען און באלד דערנאך האט א גוי זיי אריינגעפירט מיט א הצלה מעמבער צום שפיטאל אין שטאט.

זיי זענען אנגעקומען פארטאגס צום שפיטאל. דארט זענען זיי גלייך געגאנגען צום "עמערזשענסי רום" וואו זיי האבן געדארפטווארטען א שטיק צייט ביז א דאקטור האט געקענט באקוקן בערל'ס פוס. ב"ה אז דער דאקטור האט געזאגט צו בערל און יעקב אז בערל האט נישט צובראכן זיין פוס. דער דאקטור האט ווייטער געזאגט אז די צוויי אידן מעגן אהיימגיין. אבער יעקב האט געזאגט צום דאקטור אז זיי קענען נישט אהיימגיין ווייל זיי קענען נישט פארן און בערל האט נישט געקענט אפילו גיין אויף די פוס! דער דאקטור וואס איז געווען א גוי, האט נישט פארשטאנען ווי אזוי יום טוב ארבעט. נישט נאר דאס, אבער ער האט געזאגט צו יעקב און בערל אז זיי טארן נישט אפילו בלייבן אין שפיטאל, און זיי מוזן ארויסגיין.

## ראש השנה תשס"ח

יעקב און זיין זון בערל האבן נישט געוואוסט וואס צו טון. עס איז געווען דארט בשעת מעשה א שוועסטער (נארס) וואס האט געהאט אביסל רחמנות אויף די צוויי חסידישע אידן. דערפאר, האט זי געזאגט צו זיי אז זיי זאלן קומען מיט איר, ווייל זי האט געהאט אן עצה. זי האט זיי ארויפגעברענגט אויפן עלעוועיטאר צו א הויכע שטאק אין דעם שפיטאל וואס קיינער האט נישט באנוצט דעמאלט. זי האט זיי געוויזן א "שבת שטוב," וואס קיינער האט נישט גענוצט פאר אפשר אפאר יאר! דארט, האט זי געזאגט אז די צוויי מעגן בלייבן. מיט דעם איז זי צוריקגעגאנגען צום עלעוועיטאר.

יעקב און בערל זענען געווען אויסגעמוטשעט מיד. עס איז געווען דאך פארטאגס און זיי האבן נישט געשלאפן דעם גאנצע נאכט. זיי האבן געליינט קריאת שמע של שחרית און דערנאך האבן זיי געכאפט א דרימל. דערנאך זענען זיי אויפגעשטאנען. פארשטייט זיך אז עס איז נישט געווען דארט קיין קאווע. זיי זענען געזיצן דארט און זיי האבן געווארט אז יענע נארס זאל צוריקקומען מיט דעם עלעוועיטאר. זיי האבן געווארט און געווארט. קיינער איז נישט געקומען מיט'ן עלעוועיטאר. עס איז געווארן זייער שפעט צו דאווענען שחרית. וויבאלד אז זיי האבן נישט געהאט קיין סידורים דארט, האבן זיי געדאווענט וויפיל עס איז שייך געווען בעל פה.

נאכדעם וואס זיי האבן געזען אז קיינער קומט נישט האבן זיי פרובירט צו טרעפן א וועג ארויס פון דער "תפיסה." יעקב האט געטראפן א טיר לעבן דעם טרעפן. אבער, איז געווען אן "אלארם" אויפ'ן טיר. און יעקב האט מורא געהאט צו עפענען די טיר וועגן יום טוב! אפשר האבן זיי געקענט זיך געבן אן עצה און עפענען די טיר ביידע צוזאמען. אפשר איז עס געווען א ספק צי די אלארם ארבעט בכלל. זיי האבן אלעס דורכגעשמועסט. אבער ניין! זיי האבן מורא געהאט פון טון א עבירה! זיי זענען געזיצן דארט און געווארט.

זיי האבן נישט געהאט אסאך עסן, נאר וואס זיי האבן מיטגעברענגט בחיפזון, א פאר מאראנצען מיט שטיקלעך מצה. זיי האבן נישט געגעסן זייט דעם טיש עטליכע שעה פריער. זיי האבן ארויסגעקוקט פונעם פענסטער צו זען ווי מען קומט פון ביקור חולים מיט פעקלעך כשרע עסן פאר די אידן וואס זענען געווען יום טוב נעבאך אין שפיטאל. אה! די ביקור חולים חברה זענען געווען אזוי נאנט אבער אזוי ווייט אוועק! שרייען האט גארנישט געהאלפן אזוי הויך אין דעם גרויסן שפיטאל.

זיי האבן פונקט געטראפן א "אידישע ליכט" וואס זיי האבן דורך געליינט אין דעם צייט וואס זיי זענען געווען דארט. עס איז געווארן נאכט און בשעת די גאנצע עולם האט געגעסן קניידלעך, האבן זיי כמעט גארנישט געהאט צו עסן. אזוי זענען זיי געבליבן ביז מוצאי אחרון של פסח! הפלא ופלא! מער ווי זעקס און צוואנציג שעה זענען זיי געווען דארט אנע ריכטיגע עסן, אנע סידורים, אנע ספרים, גארנישט, נאר מיט זייערע אמונה און יראת שמים.

סוף כל סוף זענען זיי אראפגעגאנגען אויפ'ן עלעוועיטאר. אויפן וועג ארויס האבן זיי געזען דעם זעלבען דאקטור וואס האט באקוקט בערל'ס פוס ווען זיי זענען ערשט אנגעקומען. דער דאקטור האט זיי געפרעגט צי זיי זענען צוריקגעקומען!?! (מעשה געהערט פון ר' יהושע ברויער שליט"א און פונעם בעל מעשה אליינס.)

לאמיר געדענקען אז די עיקר עבודה פון א איד איז: מבטל צו זיין די אייגענע רצונות פאר השי"ת. דורך מקבל זיין אויפ'ן קומענדיגע יאר צו מבטל זיין די אייגענע רצונות פאר השי"ת וועלן מיר האבן א זיסע יאר, מיט הרחבת הדעת, געזונט, פרנסה, און אלע ברכות וואס דער באשעפער האט צוגעזאגט צו אברהם אבינו ע"ה נאך די פרשה פון דעם עקידה: "...ולא חשכת את בנך... כי ברך אברכך... וירש זרעך את שער איביו. והתברכו בזרעך כל גויי הארץ עקב אשר שמעת בקלי." א כתיבה וחתימה טובה און **א גוט געבענטשט יאר אלע אידן.**

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) **דעו אחיי היקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**